## ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאנ"ש שי' שברכו אותו, אור ליום ג' פ' שמיני, י"א ניסן תשמ"ה, לאחרי תפלת ערבית

דער אויבערשטער זאָל ממלא זיין הבטחתו אַז כל המברך מתברך[1], בברכתו של הקב"ה, וואָס "תוספתו מרובה על העיקר"[2], ד.ה. אַז נוסף צום "עיקר" וואָס איז אויך ברכתו של הקב"ה, איז דערצו די ברכה אויך "מרובה על העיקר".

און די ברכות זאָלן אַראָפּקומען סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אין בני חיי ומזוני רויחי, ובכולם רויחי, ובטוב הנראה והנגלה.

וואָס אין דעם גופא זיינען פאַראַן כמה ענינים נוספים — מצד קביעות שנה זו:

וויבאַלד מיר שטייען יעצט ב(ליל) יום שלישי שהוכפל בו כי טוב[3], וואָס איז כולל "טוב לשמים וטוב לבריות"[4], אַ טוב כפול וואָס איז פאַרבונדן מיט "כפליים לתושי'"[5], זאָלן די ברכות הנ"ל אַראָפּקומען אויך בטוב הכפול ובאופן פון כפליים לתושי'.

ובפרט אַז חודש ניסן און חג הפסח (זמן חירותינו) בשנה זו הויבן זיך אָן ביום השבת — וואָס ענינו של שבת איז עונג[6] ושלימות — "ויכולו"[7] מלשון עונג ומלשון שלימות (ווי דער צ"צ טייטשט[8], מיוסד אויפן פירוש פון אַלטן רבי'ן) — זאָלן די ברכות אַראָפּקומען ביי יעדערן בשלימות, און באופן פון שלימות התענוג ושלימות בכל הענינים, היות אַז פון תענוג ווערט נמשך אין אַלע כוחות[9].

און דערצו: יעדער שבת האָט אין זיך מעין[10] פון דעם "יום שכולו שבת"[11] דלעתיד, ובפרט שטייענדיק ערב דעם שבת הגאולה[12] — האָט מען דעמולט דעם "טועמי' חיים זכו"[13], די טעימה פון די ענינים דלע"ל[14],

---

1) ראה סוטה לח, ב. ירושלמי ברכות ספ"ח, הובא בתוד"ה ואברכה — חולין מט, א. שיחת ש"פ וישלח, ט"ז כסלו תשכ"ט (נדפס בחוברת בפ"ע — קה"ת, ברוקלין, תשכ"ט. תשל"ב. ובלקו"ש ח"ה ע' 422 ואילך).

2) ב"ר פס"א, ד. ועוד. וראה בארוכה לקו"ש שם.

3) ראה פרש"י בראשית א, ז.

4) ראה קידושין מ, א. אוה"ת בראשית לב, ב. משפטים ע' א'קנז. סה"מ תש"ט ע' 18 (הב').

5) איוב יא, ו. וראה שמו"ר רפמ"ו.

6) כמ"ש (ישעי' נח, יג) "וקראת לשבת עונג". וראה רמב"ן יתרו כ, ח. ובכ"מ.

7) בראשית ב, ב.

8) אוה"ת בראשית מב, ב.

9) ראה סידור רמה, סע"א ואילך. ובכ"מ. ולהעיר מגיטין נו, ב (השפעת התענוג בעצם שבעקב הרגל).

10) דשירו של כל שבת — הוא מזמור שיר ליום השבת, דפי' שבת דלעתיד, כדלקמן.

11) תמיד בסופה. ר"ה לא, א.

12) אלף השביעי (רמב"ן בראשית ב, ג. ועוד — שהוא כנגד יום השבת).

13) נוסח תפלת מוסף דשבת. וראה שו"ע אדה"ז סר"נ ס"ח (וש"נ) דטועם מכל תבשיל ותבשיל.

14) ראה בכ"ז — לקו"ש חט"ו ע' 282. וש"נ.

וע"ד מש"נ[15] „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם" — ה"ז נאך ב(סוף) זמן הגלות, ד.ה. אַז נאָך אין די לעצטע טעג פון גלות האָט מען „אורו של משיח"[16].

כולל אויך, אַז אַזוי ווי בימות המשיח וועט מען האָבן אַלץ בשלימות ובמילא וועט זיין דער „פנויין בתורה וחכמתה" (ווי דער רמב"ם שרייבט בסיום ספרו), אַזוי וועט אויך יעצט זיין אַ מצב של (שבת) „כל מלאכתך עשוי"[17], אַז מ'האָט אַלץ בשלימות, און מ'קען זיך אָפּגעבן מיטן עסק אין „דע את אלקי אביך"[18], ביז שמביא צו „ועבדהו בלב שלם"[18], שלימות בכל הענינים, און דאָס נעמט דורך די עבודה בכל הכוחות (כנ"ל).

און וויבאַלד אַז „ביום שמחתכם[19] — אלו שבתות"[20], האָט מען יעצט אויך מעין די שמחה דלעתיד, אויף וועלכער עס שטייט „ושמחת עולם על ראשם"[21].

ובפרט אַז מ'שטייט בשבוע דפרשת „ויהי ביום השמיני" — באַקומט מען אויך (אין די לעצטע טעג פון גלות) די „טעימה" און דעם „אור במושבותם" (אורו של משיח) פון דעם „יום השמיני" דימות המשיח, דעם „כנור של שמונה נימין"[22].

ביז אַז, פונקט ווי „ויהי ביום השמיני" איז „אותו יום נטל עשר עטרות"[23], אַזוי באַקומט מען אויך דעם „עלי עשור"[24], דער כנור של עשרה נימין של עולם הבא[22], ובאופן פון „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו"[25].

וואָס דאָס ווערט שטאַרקער און גרעסער דורך דעם וואָס מ'איז מוסיף נאָך אַ פעולה טובה, דיבור טוב אָדער מחשבה טובה זייענדיק אין גלות[26], ווייל דורך דעם איז מען ממשיך דעם „אל"ף", אלופו של עולם, אין „גולה", ווערט פון „גולה" „גאולה"[27] — די גאולה האמיתית והשלימה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך דעם וואָס מ'איז מהפך גלות צו גאולה.

ד.ה. ניט נאָר וואָס מ'האָט אין די לעצטע טעג פון גלות אַ „טעימה" (מעין) פון „אורו של משיח" וכו', נאָר דער גאַנצער גלות ווערט נתהפך צו דער גאולה האמיתית והשלימה.

---

15) כמו שהי' ביצי"מ — בא י, כג. ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (מיכה ז, טו).

16) ראה זח"ג לד, א. לקוטי לוי"צ שם. ובפס"ר רפל"ז: איזה אור שכנסת ישראל מצפה זה אורו של משיח.

17) ראה מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. שו"ע אדה"ז סש"ו סכ"א. וש"נ.

18) דה"א כח, ט. וראה תניא קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח (קנו, ב). ובכ"מ.

19) בהעלותך י, י.

20) ספרי בהעלותך שם.

21) ישעי' לה, י. נא, יא.

22) ערכין יג, ב. ועוד. וראה כלי יקר ריש פרשתנו (פ' שמיני).

23) ראה פרש"י ריש פרשתנו (מסדר עולם). שבת פז, ב. ועוד. וראה כלי יקר שם. ועוד.

24) תהלים צב, ד.

25) ישעי' מ, ה. וראה תניא פל"ו „הנגלה לעתיד בלי שום לבוש כו' שלימות בריאת (כצ"ל) עוה"ז כו' ונגלה כבוד ה' כו'".

26) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד.

27) ראה לקו"ש בהעלותך לה, ג. ובכ"מ.

און דאָס אַלץ — אָנהויבנדיק פון דער „טעימה״ אין די לעצטע טעג פון גלות — ווערט אויפגעטאָן תיכף ומיד ממש.

און פון דעם גייט מען גלייך איבער צו דעם „מיד״ פון „ומיד הן נגאלין״ (בלשון הרמב״ם[28]), די גאולה האמיתית והשלימה (ווען מ׳האָט די אַלע ענינים בשלימות, ניט נאָר באופן של „טעימה״); אַז פון דער שמחה („ביום שמחתכם — אלו שבתות״) נאָך בזמן הגלות גייט מען גלייך טאַנצנדיק לקבל פני משיח צדקנו, „בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[29], צוזאַמען מיט שלימות התורה והמצוות און שלימות הארץ.

וואָס אין דער גאולה דלעתיד וועט אויך זיין די שלימות פון דעם חיבור ב׳ הקצוות הנ״ל (אַז זייענדיק אין גלות, תחתון ביותר, האָט מען די אַלע ברכות וואָס זיינען „מעין״ פון די גילויים דלעתיד, עליון ביותר).

און ווי דאָס איז אין „שלימות הארץ״, אויף וועלכער עס שטייט[30] „ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך״, וואָס דער ענין („ירחיב . . גבולך״) איז כולל צוויי הפכים: ס׳איז אַן ענין של „גבול״ (גבולך), וביחד עם זה איז דאָס אַ הרחבה אמיתית (ירחיב ה׳).

אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו אידן, אַז דער גילוי דלעתיד וועט זיין „מיד״ ממש אין אַן אופן אַז דאָס וועט זיין מובן אויך פאַר „דעת זה התינוק״[31], וביחד עם זה וועט אין אים נמשך ווערן דער גילוי העצמות דלעתיד.

וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דער עבודה מעין זה בזמן הזה, אַז פון דער עבודת התפלה באופן של תכלית הקטנות[32], „אני מתפלל לדעת זה התינוק״[33], קומט מען דערנאָך צו דער אהבה פון „ועמך לא חפצתי בארץ״[34], „איך וויל מערניט אַז דיך אַליין״, כלשון פון דעם אַלטן רבי׳ן בדביקותו[35] — וואָס דער אַלטער רבי האָט געגעבן כח און האָט ממשיך געווען דאָס זאָל זיין בכוחו ויכולתו של כל אחד ואחד

28) הל׳ תשובה פ״ז ה״ה.

29) כמו שהי׳ ביצי״מ — בא י, ט.

30) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובפרש״י וספרי שם.

31) כמ״ש (ירמי׳ לא, לג) „כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם״. וראה לקוטי לוי״צ לזח״ג ע׳ רי.

32) להעיר שמצה היא קטנות (אבא —) ומ״ע מה״ת באכילתה — בלילה שנגלה עליהם ממה״מ הקב״ה בכבודו ובעצמו.

33) שו״ת הריב״ש סקנ״ז. הובא בסהמ״צ להצ״צ שרש מצות התפלה פ״ח.

34) תהלים עג, כה.

35) שרש מצות התפלה פ״מ.

ומזה שהצ״צ הביא ב׳ ענינים אלו (התפילה לדעת התינוק והדביקות דאדה״ז) באותו דרוש (שרש מצות התפלה), מובן שיש שייכות ביניהם, כבפנים.

ויומתק ע״פ המבואר בכ״מ (תו״א יד, ב. ועוד) ש„המאור הוא בהתגלות ולכן אפילו תינוקות יודעים שיש שם אלוקה מצוי כו׳ אף שאין בהם השגה ותפיסה איך ומה לפי שאין בהם גילוי האור שמ״מ המאור עצמו הוא נמצא למטה כמו למעלה״, וכן הוא בתפילת התינוק, שכוונתו היא לעצמותו ית׳ בלבד (אליו ולא למדותיו), „דיך אליין״ — כי אינו יודע ע״ד מציאות הספירות וגילויים וכו׳.

מההולכים בדרכיו, ועל ידם, ביי יעדן אידן און אַלע אידן, ובאופן של „נצח סלה ועד"[36].

ואין ענין יוצא מידי פשוטו, ואדרבה — מ'הויבט אָן פון פשט, פון פשטות, פון גשמיות — אַז עס ווערן בטל אַלע ענינים המיצירים ומגבילים, עאכו"כ ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט חשש ודאגה, און עס ווערט הרחבה אין כל הענינים הגשמיים,

ומתוך עונג בשלימות וחירות בשלימות, גייט מען „מחיל אל חיל"[37] — צו נאָך אַ גרעסערע שלימות, וואָרום שלימות איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן שאין לו סוף, גייט מען „מחיל אל חיל", אין אַן אופן פון „יראה אל אלקים בציון"[37],

אָנהויבנדיק פון דעם ענין בפשטות — אַז מ'זעט „פני האדון הוי'"[38], בבית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[39],

און מ'גייט אַהינצו באופן פון „וארו עם ענני שמיא"[40], בעגלא דידן ממש.

חג הפסח כשר ושמח[41].

---

36) עירובין (נד, א) שאין לו הפסק. וראה אגה"ק סכ"ז.

37) תהלים פד, ח. וראה ברכות בסופה. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ה ס"א. וש"נ.

38) משפטים כג, יז. תשא לד, כג.

39) בשלח טו, יז ובפרש"י.

40) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

41) ראה לקלוי"צ — אגרות ע' קצח — שכשר ר"ת כמוצא שלל רב לרמז על בירור הניצוצין שהוציאו ישראל ממצרים כמ"ש ואח"כ יצאו ברכוש גדול, שמח הו"ע הד' כוסות, מוחין דאבא, דאימא כמ"ש בפע"ח. עכ"ל. — ולהעיר ד„רכש" ח"ו כתיב — אותיות כשר. וראה הגש"פ עם לקוטי טעמים, מנהגים וביאורים (קה"ת, תשמ"ו-מז) ע' שצח-ט ואילך.